# זקניך ויאמרו לך

ת״ת תורה ויראה דרבינו יואל דסאטמאר • בנשיאות כ״ק מרן אדמו״ר שליט״א • פה ק״ק קרית יואל יצ״ו

בעזהשי״ת — גליון קצ״ט – נח תשע״ב לפ״ק — כיתה ח׳ ט׳


תתתתרצ) עס דערציילט מיין זיידע

## הרה״ח ר׳ יושע ווערצבערגער הי״ו מאנטריאל

אין חודש אייר תשכ״ה לפ״ק איז געבוירן מיין עלטסטער זון נ״י, און איך האב געהאט חשק צו געבן א נאמען נאכן פאטער פון מיין שווער ז״ל, וואס האט געהייסן ׳משולם פייש׳ נאכן ערשטן טאהשער רבי׳ן זצוק״ל. נאר היות ער איז אוועק ביי די מלחמה אין אוישוויץ האב איך געקלערט צי מ׳דארף צוגעבן א נאמען, אפילו ער איז שוין אוועק זייענדיג אן עלטערער איד איבער די אכציג יאר.

איך האב דאן געקלונגען צום שטוב פון רביה״ק הדברי יואל זי״ע, און רבי יוסף אשכנזי ז״ל האט איבערגענומען דעם טעלפאן און געהערט מיין שאלה.

דער רבי איז געשטאנען נאנט צום טעלעפאן, אזוי האב איך זוכה געווען צו הערן די תשובה מפה קדשו ווי אזוי ער זאגט פאר ר׳ יאסל זאל מיר ענטפערן ״אוישוויץ איז אוישוויץ, נישט קיין חילוק ווי אלט ער איז געווען, גיב א נאמען נאך א איד וואס איז נישט אוועק אין אוישוויץ״. (יוסף ווערצבערגער, ברוך ווערצבערגער)

תתתתרצא) עס האט דערציילט אונזער עלטער זיידע

## הרה״ח ר׳ אלי׳ דוד טירנויער ע״ה

אין די ערשטע יארן וואס מ׳האט אפגעקויפט דעם סאטמארן זומער קעמפ פלעגט ער ארויס העלפן דעם מנהל המחנה הרה״ח ר׳ יודל ראזענבערג ע״ה מיט די ארבעט, צווישן די פלעגט ער ארויספארן עטליכע מאל איבערן ווינטער אינעם קעמפ און זיך אומקוקן צי אלעס איז אין ארדענונג, און וואס מ׳דארף מתקן זיין.

איינמאל זייענדיג אין סאטמארן ביהמ״ד ווען דער רבי מרן הדברי יואל זי״ע איז אריינגעקומען צום דאווענען, באמערקט איהם דער רבי, און דער רבי רופט אים צו און פרעגט אים ״ווען ביסטו געווען דאס לעצטע מאל אין קעמפ?״, האט ער געזאגט פארן רבי׳ן דעם טאג וואס ער איז געווען אין קעמפ. זאגט אים דער רבי ״פאר היינט ארויס אין קעמפ״.

עס איז געווען א פליאה עצומה, ווייל קיינמאל ביז היינט האט זיך דער רבי נישט געמישט אין די סארט זאכן, און דער רבי האט זיך נישט גע׳דאגה׳עט איבער די סארט זאכן, און דא הייסט אים דער רבי פלוצלונג פארן אין קעמפ. ער האט פארשטאנען אז דער רבי הייסט פארן איז זיכער דא א סיבה דערצו, און ער האט גענומען זיין אויטא און זיך ארויסגעלאזט דעם לאנגן וועג צום קעמפ.

ווען ער איז אנגעקומען  אין קעמפ האט ער זיך איבעראל אומגעקוקט און געזוכט צו טרעפן די סיבה פארוואס דער רבי האט אים געשיקט אין קעמפ, אבער אלעס איז געווען ווי געווענליך און נאטורליך, און ער האט נישט געטראפן גארנישט אויסנאם. האט ער זיך ארויסגעלאזט אויפן לאנגן וועג צוריק אהיים קיין וויליאמסבורג.

זייענדיג טיף אינמיטן וועג אויפן הייוועי ווען די נאכט איז שוין צוגעפאלן אינצווישן זעהט ער צו זיין שטוינונג ווי א מענטש שטייט אויפן זייט פונעם ראוד און פרובירט צו כאפן א ׳היטש׳... וואס דאס איז א אומדערהערטע זאך צו כאפן א היטש אינמיטן א הייוועי און עס איז אויך א גרויסע סכנה. מערקנדיג אז יענער האט א שווארצן מלבוש האט ער געטראכט אז אפשר איז דאס א איד, איז ער צוגעפארן צו די זייט פונעם ראוד און אריינגענומען דעם מענטש.

ווען יענער איד איז אריינגעקומען זעהט ער צו זיין שטוינונג אז דאס איז נישט קיין צווייטער ווי כ״ק אדמו״ר הגה״ק מקיוויאשד זצ״ל הכ״מ. וועלכער איז אין יענע יארן געווען א אינגערמאן וואס האט געלערנט א גאנצע וואך אין ביהמ״ד עליון אין מאנסי, און איינמאל-צוויימאל א וואך פלעגט ער אהיימפארן קיין וויליאמסבורג.

דער זיידע קוקט אים אן מיט שטוינונג און ער פרעגט אים ״וואו קומט איר אן דא צו שטיין פאר א היטש אינמיטן הייוועי?״. (מ׳דארף נעמען צו קענטעניס אין יענע יארן איז נאך מאנסי נישט געווען קיין באוואוינטער ישוב, און עס האבן בכלל נישט געוואוינט קיין היימישע אידן אין אפסטעיט, אזוי אז עס איז בכלל נישט געווען קיין סברא אז ער זאל טרעפן א היטש אין די גאנצע געגענט).

ענטפערט אים דער קיוויאשדער רב ״מעשה שהיה כך היה, איך האב געטראפן אין מאנסי א איד וואס פארט קיין וויליאמסבורג, און איך בין ארויסגעפארן מיט אים, אינמיטן וועג האט דער איד אנגעהויבן צו רעדן אויפן רבי׳ן כל דבר אסור (דער איד איז געווען א ציוני׳סט און ער האט פיינט געהאט דעם רבי׳ן צוליב זיין שארפע מלחמה קעגן דעם קליפה הציונית) האב איך אים געבעטן אז ער זאל אויפהערן צו רעדן ווייל איך בין א סאטמארער חסיד און איך טאר נישט הערן ווי מ׳רעדט אויף מיין רבי׳ן, דער איד האט אבער נישט געוואלט אויפהערן צו רעדן, איך האב אים געזאגט אז אויב ער הערט נישט אויף צו רעדן מוז איך ארויסגיין פון די קאר, און אז יענער האט ווייטער גערעדט האב איך געעפענט די טיר און ארויס געשפרונגען אינמיטן פארן״...

ווען דער זיידע האט דאס געהערט איז ער צוקאכט געווארן און ער האט געזאגט ״יעצט וועט איר הערן די צווייטע העלפט פון די מעשה״... און ער האט אים דערציילט די גאנצע מעשה ווי אזוי דער רבי זי״ע האט אים געהייסן פלוצלונג ארויספארן פון קעמפ אן קיין שום ספעציעלע סיבה, און יעצט זעהט ער ווי דער רבי מיט זיין ווייטן בליק האט שוין מקדים געווען די רפואה למכה און אים ארויסגעשיקט אין קעמפ כדי ער זאל אים קענען אהיימברענגען״. (אלי׳ דוד לאנדא, יואל בער וויינבערגער)

תתתתרצב) עס האט דערציילט אונזער עלטער זיידע

## הרה״ח ר׳ בעריש בערקאוויטש ע״ה

ער האט נאך זוכה געווען צו זיין פון די ערשטע תלמידים פון מרן רביה״ק הדברי יואל זי״ע אין אורשיווע.

אין יענע יארן האט שוין דער רבי געהאט זיין הייליגע עבודה ווען סוכות אינדערפרי פלעגט ער זיך איינשפארן אין די סוכה, און מאכן די נענועים מעוטף בטליתו, ווען קיינער ווייסט נישט און קיינער זעהט נישט זיין הייליגע באהאלטענע עבודה.

די בחורים זענען אבער געווען נייגעריג צו וויסן וואס דער רבי טוט אין די סוכה, האבן זיי אריינגעקוקן דורך א שפאלט אין די סוכה.

האט דער זיידע דערציילט: ״איך האב געזעהן דעם רבי׳ן איבערגעדעקט מיטן טלית, אויף א בענקל איז געלעגן אפן א סידור, און ער האט געמאכט די נענועים ווען בשעת מעשה האט ער זיך כסדר איינגעבויגן איבערן בענקל, אריינגעקוקט אין סידור די כוונות, און ווייטער געשאקלט״... (משה גפן, אברהם הערש גפן, אלתר ברוך גפן, יואל יושע גפן, יואל יושע פעלבערבוים, משה קטינא, אליעזר גפן, יושע גפן)

תתתתרצג) עס דערציילט אונזער עלטער פעטער

## הרה״ח ר׳ שמואל עקיבא נויאוויטש הי״ו

בשנת תשמ״ג לפ״ק האב איך זוכה געווען מיטצופארן מיט כ״ק אדמו״ר הגה״ק מקיוויאשד זצ״ל קיין לאס אנזשעלעס מיטן ציהל צו שאפן געלט פאר די ״תלמוד תורה בני יששכר ד׳קיוויאשד״ וואס איז געווען אין יענע יארן אין וויליאמסבורג. און מ׳האט דארט באזוכט ביי די גרויסע נגידים און תומכי תורה וואס האבן זיך בייגעשטייערט מיט גרויסע סכומים געלט פאר די תלמוד תורה.

צווישן די באזוכן איז געלונגען מיט גרויסע אנשטרענגונגען צו מאכן א באזוך ביי איינעם פון די גאר גרויסע פילאנטראפן וואס האט דארט געוואוינט. און דאס איז געגאנגען דורך א צווייטן נגיד וואס האט פארזיכערט אז אויב דער עושר וועט ארויסגיין צופרידן פונעם באזוך, קען ער געבן א הערליכע סומע געלט לטובת די מוסדות.

די באגלייטער האבן געבעטן דעם רב זצ״ל אז ער זאל אויסהערן אלעס וואס

דער עושר האט צו זאגן, און זעהן אים צופרידנצושטעלן, כדי מ׳זאל קענען באקומען די ערווארטעטע גרויסע סומע.

זיצנדיג ביים עושר האט ער אויפגעהאלטן א לענגערע צייט רעדנדיג שטותים. ביז ווען ער האט זיך אנגערופן צום רב "איר קענט זיך מיטן ליובאוויטשער רבי׳ן ?", האט דער רב געענטפערט אז ניין !. דער עושר האט זיך געוואונדערט "איר וואוינט אין ניו יארק און איר האט אים נאך קיינמאל נישט געזעהן ?", האט דער רב געזאגט "איך האב אים יא געזעהן פאר די קריג ווען מיר האבן געוואוינט אין וויען ביים זיידן דער אלטשטאטער רב ז"ל". דער עושר איז געווארן אנגעצויגן ווייל יענע יארן איז געווען א שווארכערע תקופה, פון וואס ער האט נישט געוואלט הערן.

פרעגט אים דער נגיד "פארוואס זענט איר געקומען נאך געלט ?", האט דער רב געענטפערט מיט א ברען: "מיר האבן א תלמוד תורה וואס איז געשטעלט אויפן יסוד צו גיין אין די וועגן פון די פריערדיגע צדיקים, און מ׳איז נישט משנה קיין זיז כל שהוא פון דעם וואס זיי האבן אונז געלערנט. די אלע נייע מהלכים וואס היינטיגע מנהיגים ווילן אנפירן וואס איז געווען פסול ביי פריערדיגע צדיקים איז ביי אונז נישטא, מיר האבן מיט זיי נישט קיין שייכות, און מיר ווילן נישט האבן דערמיט, מיר גייען נאר מיט די מסורת אבות און קבלת אבותינו ורבותינו הקדושים". אזוי האט דער רב גערעדט א לענגערע צייט מיט א להב אש קודש, און מ׳האט געזעהן אז דער נגיד איז זייער נישט באקוועם פארשטייענדיג געני וואס דער רב ציהלט מיט זיינע ווערטער.

צום סוף האט ער ארויסגענומען א קליינע סומע, און ער האט דאס געגעבן פאר איינעם פון די באגלייטער, ניטאמאל פארן רב אין די האנט זייענדיג אנגעצויגן פון דעם וואס ער האט געהערט.

אין די צייט וואס די באגלייטער זענען געווען אנטוישט פון די נישטיגע סומע וואס ער האט געגעבן, האט דער רב געשיינט פאר שמחה "כשר געלט ! כשר געלט ! אנדערע נגידים פרעגן מיך נישט קיין פרטים פאר זיי געבן, אפשר ווען זיי וויסן ווען אונזער שיטה וואלטן זיי נישט געגעבן אזוי גערן זייער נתינה, דאס געלט איז זיכער כשר געלט, ווייל דער נגיד ווייס פונקטליך וואס אונזער תלמוד תורה איז...".

דאס איז געווען די הייליגע קנאות, און די געהויבענע השגות פון דעם גרויסן צדיק. זכותו יגן עלינו. (פנחס דוד הלוי פריעדמאן, זאב וואלף גלאנץ)

תתתתרצד) עס דערציילט אונזער זיידע

## הרה"ח ר׳ אברהם מאיר איצקאוויטש הי"ו

איך בין געקומען פון ארץ ישראל קיין אמעריקע ח׳ אלול תשכ"ז לפ"ק, עס איז געווען א קורצע צייט נאך די זעקס טאגיגע מלחמה, ווען עס האט געהערשט א שרעקליכער בלבול המוחות נאך די ציוני׳סטישע נצחונות.

יענע נאכט בין איך געגאנגען שלום נעמען ביים רבי׳ן **מרן הדברי יואל זי"ע**, דער רבי האט געדאווענט מנחה מעריב אין זיין בית המדרש׳ל אויף 500 בעדפארד עוו. און צווישן מנחה מעריב האב איך גענומען שלום.

דער רבי האט מיר געגעבן שלום און געפרעגט איבער די ישיבה אין ירושלים "מ׳לערנט דארט פלייסיג ?" האב איך געענטפערט אז יא.

דערנאך האט דער רבי געפרעגט "מ׳איז נאך אלס פאר׳שיכור׳ט פון די נצחונות ?". האב איך געזאגט "מ׳הערט די בענדלעך (טעיפס) פונעם רבי׳נס שלש סעודות תורות יעדן מוצש"ק".

דער רבי האט געמאכט א תנועה מיט די האנט ווי ער איז צופרידן, און געזאגט "יא, פיין פיין !". (שלמה מארקאוויטש, בנציון איצקאוויטש, יעקב איצקאוויטש בערל פיש, שלמה ווערצבערגער, יוסף כייעם, בנציון מארקאוויטש)

תתתתרצה) עס דערציילט אונזער זיידע

## הגה"צ אב"ד סיגעיט שליט"א

אינעם לעצטן יאר איידער עס האט אויסגעבראכן די ביטערע צווייטע וועלט מלחמה, האב איך געלערנט אין די ישיבה פון מיין זיידן **הגה"ק בעל בנין דוד זצ"ל** אין איהעל.

עס איז שוין דעמאלטס געווען שווערע צייטן, די צרות האבן זיך שוין אנגעהויבן און די גוים האבן אוועק גענומען די פארמעגנס פון אידישע קינדער.

יענעם יאר ז׳ אדר תש"ד זענען אסאך אידן געפארן קיין קאלוב צום יארצייט פון **הרה"ק רבי אייזיק׳ל קאלוב׳ער זי"ע** זיך אויסבעטן א ישועה. און איך האב אויך געהאט חשק צו פארן, בין איך אריינגעגאנגען צום זיידן דער בנין דוד, און געפרעגט צי איך זאל פארן. דער זיידע האט זיך צובייזערט און געזאגט "וואס ? ! א בחור פארט צי ציונים ? דאס באלאנגט פאר עלטערע מענטשן ! א בחור דארף צו זיצן ביי די גמרא און לערנען".

אזוי ווי האב אבער זייער שטארק געוואלט פארן בין איך אריין צו די באבע די רביצין רוזא בלומא ע"ה, און איך האב איר געבעטן אז זי זאל פועל׳ן ביים זיידן אז ער זאל מיך לאזן פארן. וכך הוה, זי האט גע׳שתדל׳ט ביים זיידן און איך האב באקומען רשות צו פארן.

איך בין ארויסגעפארן אויפן וועג מיט א גרופע אידן, עס איז געווען א שווערער וועג ווייל שקצים האבן אונז געשלאגן און געווארפן שטיינער אויף אונז. ווען מיר זענען אנגעקומען קיין קאלוב האט מען אונז נישט אריינגעלאזט דורכן געהעריגן וועג, און מיר זענען געווען געצווינגען ארומצופארן די גאנצע שטאט ביז ווען מיר זענען ענדליך אנגעקומען צום ציון. און ביים ציון אליין איז געווען אזוי געפאקט מיט טויזענטער אידן אז איך האב געמוזט בלייבן שטיין אינדערויסן ביי די טרעפ.

דעמאלטס איז אנגעקומען קיין קאלוב מיין עלטער-פעטער **הרה"ק רבי שלום אליעזר׳ל זי"ע פון ראצפערט** (מיין מאמע ע"ה איז געווען א טאכטער פון הרה"ק רבי חיים יעקב טייטלבוים מלימאנוב זי"ע, בן הרה"ק רבי משה יוסף מאיהעל זצ"ל, א איידעם ביי הרה"ק רבי דוד׳ל קישאנוב׳ער זי"ע, א ברודער מיט הרה"ק רבי שלום אליעזר זי"ע, און דער לימאנובער רב איז געווען אן איידעם ביים ערשטן באבוב׳ער רב זצ"ל, בן הרה"ק רבי מאיר נתן זצ"ל, א ברודער מיט הרה"ק רש"א זי"ע). האבנדיג א גרויסע תשוקה צו זיין אויף פורים ביי דעם צדיק, בין איך אריין צו איהם און אים געבעטן אז ער זאל מיך מיטנעמען מיט זיך. דער צדיק מיט זיין פשטות און ענוות האט מיך מיטגענומען מיט זיך, און מיר געגעבן א פלאץ צו שלאפן ביי זיך אין שטוב.

ביים פורים טיש האט רבי שלום אליעזר׳ל געזאגט פארן עולם אזוי ווי ער האט באקומען די שריפטן מיט א פאספארט צו קענען פארן קיין ארץ ישראל, וויל ער זיך יעצט געזעגענען מיטן עולם איידער ער פארט אוועק.

שפעטער האט זיך אויפגעשטעלט דער משב"ק הרה"ח ר׳ הערש אלימלך דים ז"ל און ער האט געזאגט בדחנות און זיך געבעטן אז דער רבי זאל נישט איבערלאזן דעם ציבור כצאן בלי רועה, איך געדענק צווישן די גראמען "בעטן מיר דיך אדונינו מורינו ורבינו, אל יעזבנו ואל תטשינו".

האט רבי שלום אליעזר׳ל דערציילט אז אמאל איז געקומען א איד צום טאטן דער הייליגער דברי חיים זי"ע, און זיך מזכיר געווען אז ער ליידט צרות פון זיין גוי׳אישן שכן. דער צאנזער רב האט אפגעשריבן דעם נאמען פונעם גוי אויף א פאפיר און ער האט דאס איינגעקנייטשט און עפעס געזאגט, און דער גוי האט געהאט א מפלה.

האט רבי שלום אלעזר׳ל אויסגעפירט "איך וועל פארן קיין ארץ ישראל, און דארט מתפלל זיין ביי קברי צדיקים אז די רשעים זאלן האבן א מפלה".

ליידער איז נישט געווען באשערט, און דער צדיק האט נישט געקענט ארויספארן קיין ארץ ישראל, און ער איז אומגעקומען אויף קידוש השם אין אוישוויץ ט"ו סיון תש"ד. הי"ד. (מאיר אליעזר מייזליש, יחזקאל שרגא מייזליש)

תתתתרצו) עס דערציילט מיין זיידע

## הרה"ג ר׳ אברהם שמחה פריעדמאן שליט"א

איך האב געהערט פון מיין שוואגער הרה"ח ר׳ יעקב עקיבא וויינשטאק הי"ו משב"ק אז איינמאל סוכות ווען ער האט משמש געווען ביי **רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע**, איז דער רבי געווען אויבן אין שטוב און די סוכה פלעגט זיין אונטן אין חצר. האט ער געפרעגט דעם רבי׳ן צי דער רבי גייט יעצט אראפ צו די סוכה ?

האט זיך דער רבי אנגערופן בלש"ק "די סוכה איז אייביג אויבן"... (ועי׳ בספה"ק בני יששכר מאמר צילא דמהימנותא אות ל"ג, מצינו בחז"ל ובגמ׳ אפקיה לסוכה בלשון עלי׳ כמו שאמרו (סוכה כ"ו ע"ב) העלום לסוכה וכיוצא). (חיים יוסף יצחק הכהן פריעדמאן)

תתתתרצז) עס דערציילט אונזער זיידע

## הרה"ח ר׳ אלימלך שלמה שווארץ הי"ו

איינמאל בשעת ווען **רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע** האט געפראוועט זיין הייליגע עבודה ביי די הקפות האט ער באמערקט ווי א פרוי האט זיך ארויסגעבויגן פון עזרת נשים, דער רבי איז געווארן זייער פארוויטאגט, ביז ער האט זיך אויסגעדרוקט "איך גיי אהיים, איך פיר נישט ווייטער די הקפות".

ביז ווען הרה"ח ר׳ אברהם ווערצבערגער ע"ה מיט הרה"ח ר׳ יחזקאל משמש ע"ה האבן געזאגט אז זיי גייען ארויף מאכן סדר אין עזרת נשים, און ארויסשיקן די נשים, האט זיך דער רבי נישט בארוהיגט.

דער רבי זיך דעמאלטס אויסגעדרוקט אז "פאר איין ראיה אסורה לוינט זיך נישט די גאנצע הקפות". (חיים מנחם שווארץ, מרדכי שווארץ)